ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

זקניך ויאמרו לך

גליון
תתכ"ח
פרשת ויקרא-זכור
שנת תשפ"ד לפ"ק

ז׳ מח) מיר האבן געהערט פון
הרה"ח ר׳ ברוך הײמאן ז"ל ירושלים עיה"ק

<u>*יהא זכרו ברו"ך*</u>

געווען איז דאס אין חודש אלול תשס"ז לפ"ק, ווען מיר האבן זוכה געווען צו זיין אין ארץ ישראל אינאיינעם מיט **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, האבן מיר זיך באגעגענט מיט א ירושלימ׳ער איד הרה"ח ר׳ ברוך הײמאן ז"ל. א חשוב׳ער ברסלב׳ער חסיד, און גרויסער עסקן צו העלפן בחורי חמד וואס מ׳דארף זיי מסדר זיין אין ישיבות, וועלכער האט אונז דערציילט זיין פלא׳דיגע לעבנס געשיכטע.

ער איז געבוירן געווארן צו עלטערן וואס האבן ווייניג געוואוסט פון אידישקייט, זיי האבן זיך גערופן ׳מסורתי׳, ד.מ. אז זיי האבן בלויז געהאלטן עטליכע סימבאלישע אידישע זאכן. זיין מוטער איז געווען א טאכטער פון א באוואוסטן רשע זלמן ארן שר"י דער ערשטער ׳שר החינוך׳ פון די ציוני׳סטישע מדינה, פון די נאנטסטע מענטשן צום ערשטן ראש הטומאה בן גוריון שר"י.

ווי ר׳ ברוך האט אונז דערציילט איז ער נתחנך געווארן מיט א פרייען חינוך. ער האט געדענקט ווי דער זיידע האט אים אמאל גענומען שבת מיט די קאר קיין ׳מאה שערים׳, און די פרומע אידן זענען ארויסגעלאפן און געשריגן "שבת! שבת!", ער האט זיך דערשראקן וואס גייט דא פאר?, האט אים דער זיידע געזאגט "ברוך, קוק גוט אויף די חרדי"שע אידן, ווייל ווען דו וועסט עלטער ווערן וועט שוין מער נישט זיין קיין זכר פון זיי אין אונזער ׳אידישע לאנד׳, דאס איז א פראגע פון צייט ווילאנג די אידן וועלן האבן א קיום אין אונזער נייע מדינה"...

ב. ווען ער איז שוין געווען א גרעסערער בחור האט ער אמאל אריינגעבלאזשעט אין די ברעסלב׳ער שוהל אין מאה שערים, און ער האט דארט באגעגענט הרה"צ ר׳ שמעון שפירא שליט"א, און ער האט זיך מיט אים צושמועסט, ווען צווישן אנדערע האט אים רבי שמעון געלערנט די משנה (אבות פ"ג, א׳) "הסתכל בשלשה דברים ואי אתה בא לידי עבירה, דע מאין באת, ולאן אתה הולך, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה", ער האט די משנה שטארק אריינגענומען אין הארצן, ביז ווען רבי שמעון האט אים אריינגענומען אין שטוב פון זיין פאטער **הרה"צ חו"פ רבי שמואל שפירא ז"ל** מצדיקי ירושלים, און ער זאגט אים "טאטע, דער בחור ווייסט די תשובה אויף די דריי שאלות"...

ווען רבי שמואל האט דאס געהערט האט ער אויסגעבראכן אין א געוויין "איר ווייסט די תשובה אויף די דריי שאלות?! זאגט מיר! זאגט מיר די תשובה?! שוין אזויפיל יארן וואס איך מוטשע זיך צו געוואויר ווערן די תשובה אויף די שאלה"...

זאגט אונז רבי ברוך "די טרערן פון רבי שמואל האט מיך דורכגענומען, איך בין מער נישט אהיים געגאנגען, איך בין שוין געבליבן ביי רבי שמואל אין שטוב, און געטוישט מיין לעבן, און געווארן א ערליכער איד, און איך האב זוכה געווען אויפצושטעלן א אידישע שטוב, פונקט פארקערט פון דאס וואס מיין זיידע האט געוואלט".

ג. רבי ברוך איז תולה דאס וואס ער איז געווארן א פרומער איד, און נאך דערצו א זוכה ומזכה את הרבים אין א גאר פלא׳דיגע פאסירונג.

געווען איז דאס אין די תקופה פון די ביטערע גזירה פון גיוס בנות, די ערשטע גזירה וואס דאס גאנצע יהדות החרדית האט זיך ארויסגעשטעלט פאראייניגט צו שלאגן כולם פה אחד קעגן די ׳נייע אידישע מדינה׳. דער ראש הממשלה דוד בן גוריון ימ"ש האט זיך געשפירט פארלוירן, ער האט נישט געזעהן קיין וועג אז ער זאל קענען אויספירן זיינע גזירות ווען עס איז דא אזא התנגדות פונעם פרומען ציבור. במשך עטליכע יאר האט ער זיך געשלאגן מיט אייפער, ביז ער האט מחליט געווען אז ער וויל גיין אויף פשרות.

ער האט זיך איינגעמאלדן אז ער וויל קומען באזוכן דעם בריסקער רב ז"ל, אבער ער איז שארף אפגעזאגט געווארן. ער האט זיך איינגעמאלדן צום חזון איש ז"ל וועלכער האט אים יא אויפגענומען, אבער דער חזון איש האט אויסגעטון זיינע ברילן, ווייל ׳אסור להסתכל בפני אדם רשע׳ און ער האט אים זייער שארף און קלאר געזאגט די שטעלונג פון ערליכע אידן אין ארץ ישראל אז מען וועט זיך קיינמאל נישט אוועקרירן פון די תורה, און עס איז נישטא קיין קלער אז מ׳זאל אפילו איינגיין אויף קיין פשרות, ווייל אידישע קינדער זענען דער עם התורה, מיר האבן ׳א פולן וואגן׳ פון דורי דורות, און דער ׳ליידיגער וואגן׳ דארף זיך אוועק רוקן און אפטרעטן פארן פולן וואגן.

בן גוריון איז ארויס פון שטוב פון חזון איש זייער באליידיגט און פארשעמט, אבער ווען ער איז אנגעקומען אהיים און ער האט איבער דערציילט דעם שמועס פאר זיינע נאנטע מענטשן, האט ער זיך נישט געקענט איבערקומען פון די ריינקייט, די לויטערקייט, די מידת האמת, וואס ער האט געזעהן ביים חזון איש. זאגנדיג **"עס איז דאס ערשטע מאל אין לעבן וואס איך באגעגען א מענטש וואס איז כולו אמת און ריינקייט דורך און דורך, און ער האט נישט אין זיך קיין שום שקר און חנופה".**

ווען זלמן ארן שר"י איז אהיימגעקומען און ער האט איבער דערציילט אין שטוב די התפעלות וואס דער ראש הממשלה האט געכאפט פון דעם פרומען רב פון בני ברק, האט דאס געמאכט א גרויסן רושם אויף זיין טאכטער - וואס כאטש זי האט נישט געהאט קיין השגה וואס עס איז בכלל דער חזון איש, אבער - אין איר שכל איז געווען אז איינער וואס ׳בן גוריון זאגט אז עס איז נישטא נאך אזוינס אויף דער וועלט׳ מיינט אז דאס איז דאס די גרעסטע וואס קען זיין.

נאך איר חתונה - כאטש וואס זי איז נישט געווען קיין שומר שבת ר"ל, נישט וואוסנדיג פון אידישקייט גארנישט - אבער ווייל איר מאן איז געווען א ׳מסורתי׳, האט ער פארלאנגט עטליכע זאכן אין אידישקייט, פלעגט זי צינדן לעכט יעדן פרייטאג צונאכטס, און הערנדיג אז עס איז א זמן צו בעטן פאר גוטע קינדער, האט זי דעמאלטס געבעטן מיט תמימות אז זי וויל האבן א קינד "ווי יענער רב פון בני ברק"...

האט רבי ברוך אויסגעפירט "מיין מאמע האט זיכער נישט געוואוסט ווער דער חזון איש איז געווען, און זי האט אוודאי נישט געמיינט אז זי וויל האבן א פרומען זון, אבער א תמימות׳דיגע תפילה איז עושה רושם אין הימל, און דאס וואס איך האב תשובה געטון און אויפגעשטעלט א ווארימע חסיד׳ישע שטוב, און איך האב די זכי׳ צו מקרב זיין אומצאליגע בחורים צו תורה און חסידות, איז זיכער א דאנק מיין מאמעס תמימות׳דיגע תפילה"...

עד כאן וואס מיר האבן געהערט פון רבי ברוך בשעתו.

ד. פארגאנגענעם מוצש"ק תצוה העעל"ט, זייענדיג אין א קעמפ מיט חשוב׳ע בחורי חמד בראשות כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א זענען מיר פארבעטן געווארן צו רעדן צו די בחורים ביי מלוה מלכה. יענע רגע האט בלי שום סיבה מובנת פלוצלונג אויפגעבליצט אין קאפ אט די מעשה וואס מיר האבן געהערט פון רבי ברוך מיט איבער 15 יאר צוריק אין ירושלים. און מיר האבן דאס דערציילט ברבים באריכות פאר די טייערע בחורים.

מיט עטליכע טעג שפעטער איז אונז אנגעקומען די ידיעה איבער די פטירה פון רבי ברוך ע"ה, פארגאנגענעם שב"ק תצוה אין עלטער פון 62 יאר.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז מיר האבן דערציילט די מעשה ברבים ממש אין די מינוטן בשעת ווען עס איז געווען די לוי׳ אין ירושלים עיר הקודש. און עס איז אוודאי געווען א טובה פאר די נשמה ווען ארויפקומענדיג בשמי מעל זענען אידישע קינדער נתעורר געווארן מיט אמונה ובטחון, און זיך מחזק זיין בעמוד התפילה צום שומע תפילת ׳כל פה׳.

דאס צייגט אויף די געוואלדיגע השגחה פרטיות, און ווי עס איז א טובה פאר א נשמה אז מ׳זאל דערמאנען די זכותים אין די צייט צווישן די פטירה און קבורה. (לעילוי נשמת רבי ברוך בן נחום ז"ל, נלב"ע ט"ו אדר א׳ תשפ"ד).

ז׳ מט) עס דערציילט אונזער זיידע
הרה"ג ר׳ אברהם יעקב יאקאב שליט"א ר"מ בישיבה"ק – מח"ס ימים ידברו

<u>*לזכרו פון הרה"ח ר׳ ברוך הײמאן ז"ל*</u>

אין ליכט פון די מעשה פלא וואס איך האב געהערט פון ידידי עוז הרב ר׳ שמואל שלמה טעללער שליט"א, בנוגע די פטירה פון ידידי אבדלחט"א הרב החסיד ר׳ ברוך הײמאן זכרונו לברכה, וויל איך דא צוגעבן עטליכע שטריכן איבער אים.

זיין אמונה אינעם אייבערשטן איז געווען מורא׳דיג, מלא תמימות. ער האט מיר אמאל געזאגט אז זיין אידענע האט געדארפט קויפן א בגד, און ער האט נישט געהאט קיין געלט צו קויפן, האט ער פשוט געזאגט "טאטע אין הימל, כ׳דארף געלט פאר א קליידל אין שטוב".

נתנדב ע"י הרה"ח ר׳ **יוסף ישראל גרינפעלד** הי"ו • לעילוי נשמת אביו איש החסד הרה"ח ר׳ **דוד יודא** ב"ר **אברהם שלמה** ע"ה • יארצייט י"ז אדר ב׳

פלוצלונג קומט צו א איד צו אים און גיט אים א סכום געלט אין די האנט אריין אן קיין שום סיבה.

ב. ער האט מיר דערציילט אז אין יענע תקופה ווען ער איז געווארן א בעל תשובה, האט ער געהאט א חבר וואס איז אויך נתקרב געווארן אין יענע צייט, אבער יענער האט גלייך אנגעהויבן צו ׳פליעהן אין הימל׳... ער האט אנגעהויבן מיט גאר גרויסע השגות און מדריגות, און ער נישט לאנג שפעטער איז ער ליידער צוריק געפאלן. אבער ר׳ ברוך האט קודם אנגעהויבן לערנען ׳קיצור שולחן ערוך׳, און אנדערע לייכטע ספרי הלכה, און אזוי איז ער געגאנגען צוביסלעך ווייטער און ווייטער, ביז ער האט אנגעהויבן שטייגן בסולם העולה בית קל.

אין יענע צייט ווען איך האב זיך באקענט מיט אים האט ער שוין געהאט דריי מאל מסיים געווען ש״ס, מיט א טיפע הבנה. איך האב אים פארהערט, און ער האט מיר געזאגט גאנצע בלעטער בעל פה.

״וואס איך האב נישט פארשטאנען ביים ערשטן מאל, האב איך פארשטאנען ביים צווייטן מאל, און וואס איך האב נישט פארשטאנען ביים צווייטן מאל האב איך פארשטאנען ביים דריטן מאל, א איד דארף לערנען תורה, און אז מ׳פארשטייט נישט דארף מען גיין ווייטער, און ווען מ׳וועט דאס איבער׳חזר׳ן וועט מען בעסער פארשטיין, און דאס איז די סיבה פארוואס מ׳דארף כסדר חזר׳ן דאס לערנען״.

ג. איך געדענק בשנת תשמ״א איז געווען א גרויסע מערכה איבער די גזירה פון ׳חיטוטי שכבי׳ ביי ׳מורד הר הבית׳, האט דעמאלטס אויפגעטרעטן מיט א פלאמפייערידיגע דרשה **כ״ק הגה״צ רבי אלימלך אשכנזי ז״ל גאב״ד מעלבארן**, און ער האט ארויסגעברענגט אז די ציונים האבן נישט קיין זכות קיום, און נאר די ערליכע אידן זענען חי וקיים לעד, האט ער אויסגעשריגן מיט א פלאם פייער ״צווישן אונז געפונט זיך א איד, וואס זיין זיידע האט געזאגט אין די ערשטע יארן פון די מדינה אז ביז צען יאר וועט אין ירושלים נישט זיין א איד מיט בארד און פיאות (עפ״ל), און זיין אייניקל געפונט זיך דא צווישן אונז מיט א לאנגע בארד און לאנגע פיאות״... יהא זכרו ברו״ך.

ז׳ נ) עס פארציילט אונזער עלטער זיידע

הרה״ח ר׳ שלום אליעזר פראנקעל הי״ו גזבר דקהל יט״ל

<u>פון פורים, ביזן ליל שימורים</u>

הרה״ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זלה״ה פלעגט נאכזאגן פון **קאזניצער מגיד** זלה״ה אויף פויליש ״יאקע פורים, טאקע ליל שימורים״, וואס די כוונה דערפון איז אז ״ווי אזוי מ׳פראוועט אפ דעם יו״ט פורים אזוי איז נאכדעם דער יו״ט פסח״.

האט ער דאס מסביר געווען אזוי: פסח זיצט מען אנגעטון מיטן ווייסן קיטל און מ׳זאגט די הגדה, מ׳מיינט אז מ׳איז אין הימל, קיינער ווייסט נישט וואס טוט זיך אינווייניג אין הארץ, ווידעראום פורים קומט ארויס דאס פנימיות פונעם מענטש, מ׳טרינקט וויין, נכנס יין יצא סוד, אזוי זעהט מען וואס עס איז דער אמת פון ליל שימורים, און אויף וועלכע מדריגה מ׳שטייט.

ז׳ נא) עס האט דערציילט אונזער עלטער פעטער

הרה״ח ר׳ שלמה חיים הייזלער ע״ה

<u>דער רבי שיקט קמחא דפסחא נאך פאר פורים</u>

איינמאל בין איך געפארן קיין ארץ ישראל אויף פורים. איידער איך בין געפארן בין איך אריין צום הייליגן **רבי'ן בעל דברי יואל זי״ע** זיך צו געזעגענען. האט מיר דער רבי געבעטן איך זאל צוריק קומען ביינאכט.

ווען איך בין אריינגעקומען ביינאכט, האט מיר דער רבי געגעבן א סכום פון 10 טויזנט דאלער, וואס איז געווען אין יענע יארן א ריזיגע סומע געלט. און דער רבי האט מיר געזאגט אז איך זאל דאס איבערגעבן פאר **הרה״ג ר׳ מענדל פריעדמאן זצ״ל** וועלכער איז דעמאלט געווען פון די וועלכע האבן אנגעפירט דעם רבי׳נס ישיבה יטב לב אין ירושלים עיה״ק, אז ער זאל דאס פארטיילן פאר די מלמדים אין די תלמוד תורה אין ארץ ישראל לכבוד פסח.

אזוי האט דער רבי אינזינען געהאט שטענדיג די מלמדים פון זיינע הייליגע מוסדות יטב לב, אז ער האט שוין אפגעשיקט די קמחא דפסחא נאך פאר פורים, צו פארזיכערן אז זיי באקומען דאס געלט צייטליך און זיי האבן א פרייליכן יום טוב.

(עס איז כדאי צו באמערקן אז אין שו״ע הלכות פסח, ביי די הלכה פון שואלין בהלכות פסח קודם לפסח שלושים יום. אז מען דארף שוין אנהייבן צו לערנען הלכות פסח דרייסיג טעג פאר פסח, זאגט דארט דער הייליגער רמ״א ומנהג לקנות חטים לחלקן לעניים לצורך פסח. דער רמ״א טוט צושטעלן דעם מנהג פון קמחא דפסחא צו די הלכה פון לערנען הלכות פסח דרייסיג טאג פאר יום טוב, אז מען זאל געדענקען אז אויך קמחא דפסחא קען מען נישטווארטן ביז די לעצטע מינוט, ווען די ארימעלייט וועלן שוין נישט קענען איינקויפן אויף יום טוב מיט הרחבת הדעת, נאר מען דארף זיי געבן דאס געלט גענוג באצייטנס).

ז׳ נב) עס דערציילט אונזער עלטער-זיידע

הרה״ח ר׳ אברהם שווארץ שליט״א לאנדאן

<u>במערבא אמרו לה מצא או מוצא...</u>

מיין פאטער **הרב החסיד רבי חנני׳ יו״ט ליפא שווארץ ז״ל** איז געווען אינדערהיים דער גבאי הישיבה, וואס פלעגט מסדר זיין די שיעורים מיטן רבי׳ן יעדע וואך וויפיל מ׳זאל לערנען אין די ישיבה. ער האט געהאט זיין קביעות מידי שבוע בשבוע אריינצוגיין צום רבי׳ן און דער רבי האט אנגעוויזן געגוי וויפיל דער שיעור זאל זיין.

עס איז געווען אין די תקופה ווען מען האט געלערנט מסכת סוכה פרק לולב הגזול און פרק לולב וערבה, און ער איז אריין צום רבי׳ן כדרכו צו באשטימען וויפיל מ׳וועט לערנען די קומענדיגע וואך, האט דער רבי געוויזן דעם שיעור פון אנהויב פרק לולב וערבה ביז די משנה ״מצות ערבה כיצד, מקום היה בירושלים ונקרא מוצא״, דער רבי קוקט אריין אין די גמרא און זאגט ״בחורים דארפן גוטע שידוכים, עס דארף זיין ׳מצא, נישט ׳מוצא׳... און ער האט נישט געוואלט באשטימען אז מ׳זאל ענדיגן דעם שיעור ביי די משנה.

ז׳ נג) עס פארציילט אונזער טאטע

הרה״ח ר׳ חנני׳ יו״ט ליפא (ברח״ל) **פריעדמאן הי״ו**

<u>בת מלך פנימה</u>

אונזער זיידע הרב החסיד הישיש ר׳ אברהם הלוי לעווי ז״ל האט אריינגעלייגט אסאך כחות מחנך צו זיין זיינע קינדער על דרך ישראל סבא.

איינע פון די זאכן וואס דער זיידע האט געלייגט א גרויסע דגוש איז געווען אז די טעכטער זאלן זיך נישט ארויסגיין פון שטוב ביינאכט, ער האט אריינגעלייגט אין זיינע טעכטער און אויסגעלערנט די ריכטיגע וועג פון צניעות אז א אידישע טאכטער באלאנגט אין שטוב בפרט ביינאכט.

די טעכטער אין שטוב האבן שוין געוואוסט אז ווען דער טאטע קומט אהיים ביינאכט דארפן שוין אלע קינדער זיין אין שטוב, און עס איז נישטא קיין אויסנאם צו זיין אינדרויסן פון שטוב. איינמאל פרייטאג צו נאכטס איז פארגעקומען אין שטאט סאטמאר א גרויסע ׳פאראדע׳ אויף די קארזאו גאס, וואס דאס איז געווען די הויפט גאס אין שטאט, און די חבר׳טס פון די עלטסטע טאכטער פון ר׳ אברהם - מרת חי׳ שרה אשת ר׳ אהרן טרעביטש ז״ל - זי איז שוין דאן געווען א כלה - האבן זיך אפגעשמועסט ארויסצוגיין פרייטאג צונאכטס צוזאמען מיטצוהאלטן דעם ׳פאראדע׳.

ווען דער זיידע ר׳ אברהם איז אהיימגעקומען פון בית המדרש, און צו זיין וואונדער האט ער נישט געטראפן זיין טאכטער אינדערהיים. ווען זי איז אהיימגעקומען האט ר׳ אברהם איר געפרעגט וואו זי איז געווען, האט זי גענטפערט אז זי איז געגאנגען קוקן מיט אירע חבר׳טס די פאראדע וואס איז פארגעקומען אין שטאט... ר׳ אברהם האט פאר אזא עולה געגעבן פאר זיין גרויסע טאכטער א פעטשל, למען ישמעו ויראו אז א מיידל גייט נישט ארויס ביינאכט פון שטוב.

אנשטאט זיך באליידיגן, האט זיך די טאכטער צוגעבויגן צום טאטן מיט הכנעה און געגעבן א קוש אין די האנט און געזאגט ״טאטע יישר כח, אז דו לערנסט מיר וויאזוי א אידישע טאכטער דארף זיך פירן״...

כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך: צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס״ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**